Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT פרייז 20 גראָשען

היינט 8 זייטען.

# נייער פאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע טאָג-צייטונג

| Nr. 234/1529 | Łódź, Wtorek 9, października 1928 r. | זעקסטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דינסטאָג, כה תשרי תרפ"ט | Nr. 234 529 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּיעטריקאָווער 21, טעל. 24-71

# טעקסטיל=שטרייק דויערט ווייטער

## אונטערהאַנדלונגען אין וואַרשאַ נישט געבראַכט צו קיין אויסגלייך. רעגירונג לעגט פאָר אַ הוספה פון פינף פּראָצענט. ביידע צדדים נישט מסכים און האָבען זיך אַרויסגעדרעהט מיט'ן תירוץ, אַז זיי האָבען נישט קיין פולמאַכטען.

### פּלויש און זיידען=בענדער אַרביי= טער האָבען נעכטען פאַרשטרייקט.

(ב) אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם טעקסטיל-אַרבייטער-שטרייק האָט די פערוואַלטונג פון דעם פּראָפעסיאָנעלען פעראיין פון בענדער און ברייט-זיידען-שטאָף אין לאָדז צוזאַמענגערופען אַ פער-זאַמלונג פון די פאַבריקס-דעלעגאַטען אין דער בראַנזשע, כדי צו בעראַטען זיך וואָס פאַר-אַ שטע-לונג אָנצונעהמען אין דער געשאַפענער סיטואַציע.

נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע איז בעשלאָסען געוואָרען באַלד צו וואַרפען די אַרבייט און אַלע פאַבריקען פון פּלויש און ברייט-זיידענס זענען גע-בליבען שטעהן.

(ב) נעכטען אינדערפריה האָט דער שטרייק אַרומגענומען אַלע טעקסטיל-פאַבריקען אין לאָדז.

עס אַרבייטען אין ווידזעוו נאָר די גאַרן-אָפּ-טיילונג, ווייל זי ווערט נישט אַריינגערעכענט אין דער צאָהל פון די טעקסטיל-פאַבריקען, אַ חוץ דעם אַרבייט מען דאָרט אין זעהר גוט און געווונ-טע בעדינגונגען און יעדע הוספה ווערט פאַר די אַר-בייטער אָנערקענט אָהן אַ שטרייק. די שטרייק-קאָמיסיע האָט דעריבער בעשלאָסען נישט צו צווינ-גען די אַרבייטער פון דער ווידזעווער „ניציאַרניע" צו שטרייקען.

### 6 טויזענד יודישע אַרבייטער בעטיי= ליגען זיך אין איצטיגען שטרייק.

אונטערן פאָרזיץ פון דאָזאָר פערגאַמענט איז נעכטען אין לאָקאַל פון קולטור-אַמט פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג פון טיכער-וועבער. וועגען דעם גאַנג פון דער שטרייק-אַקציע אין דער טעקסטיל-אינ-דוסטרי האָט בעריכטעט ראַטמ. מאָרגענטאַלער.

אין שטרייק נעהמען אַנטייל ביז זעקסטויזענד יו-דישע אַרבייטער וועבער, שערער, שטאָפּערינס, שפּולערינס און אויך אַ 1,500 האַנט-וועבער.

די יודישע אָפּטיילונג פון טעקסטיל-פעראיין האָט זיך אויך געוואָנדען צו ביידע לוין-וועבער פער-איינען וועגען צושטעהן צום שטרייק. קיין ענטפער איז נאָך נישט דערהאַלטען געוואָרען.

נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע איז בעשלאָסען געוואָרען אָנצושטרענגען אַלע מעגליכקייטען, אַז דער שטרייק ביי די טיכער-וועבער זאָל זיין אַ פול-קומענער. די פערזאַמעלטע האָבען אויך געוועהלט פערטרעטער אין דער שטרייק-קאָמיסיע.

### די אונטערהאַנדלונגען אין וואַרשאַ.

(2) נעכטען איז אין וואַרשאַ ביים אַרבייטס-מיניסטער יורקעוויטש פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די פאָרשטעהער פון די אינדוסטריעלער און אַר-בייטער וועגען ליקווידירען דעם שטרייק אין דער טעקסטיל-אינדוסטרי.

צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען מצד דעם פערבאַנד פון דער טעקסטיל-אינדוסטרי: אינזש. רומפעל, פון לאַנדעס-פערבאַנד פון דער טעקסטיל-אינדוסטרי אַדוו. פּאַוולאָווסקי, מצד דעם פערבאַנד פון אַפּרעטורען און פאַרבעריי — דזורסקי.

פון די אַרבייטער זענען אַנוועזענד געווען סע-נאַטאָר דאַניעלעוויטש, רעפּ. שטשערקאָווסקי און גאַלינסקי — פון די קלאַסען-פעראיינען; רעפּ. וואַשקעוויטש און קאַזשימיערטשאַק („פּראַצאַ"); מרוק און פּאַוולאַק (כ. ד.)

צוערשט איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ צווישען אַרבייטס-מיניסטער און פאָרשטעהער פון די אינדוסטריעלער. די לעצטע האָבען ווידעראַמאָל פאָרגעשטעלט דעם קלאָגעדיגען צושטאַנד פון דער אינדוסטרי, און האָבען אָנגעוויזען, אַז די פאָדערונגען פון די אַרבייטער זענען אַזוי איבערגעטריבען, אַז זיי קענען גאָרנישט צוטרעטען צו קיין אונטערהאַנד-לונגען, צוליב דעם האָבען זיי ערקלערט, אַז די אינדוסטריעלער וואָלטען געקענט מאַכען אַ פאָרשלאַג אויב די פאָרשטעהער פון די אַרבייטער-פעראיי-

(ענדע זעה 5-טע זייט)

אַלגעמיינער יודישער אַרבייטער-בונד
„בונד"
אין פּוילען. לאָדזשער קאָמיטעט.
שבת, ד. 13 ד.ח. 10 פריה קומט פאָר אַ קאָלעקטיווע פאָרלעזונג א.ד.ט.
„צוויי אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען"
(בריסעל—מאָסקווא)
רעפערירען וועלען די ח"ח
לאַוונִיק וו. אַלטער, י. האַלפּערן (וואַרשע) און ראַטמאַן י. ליכטענשטיין.
בילעטען צו 50 און 75 גר. צו בעקומען אין אַרב.-ווינקעל פּאָלודנ. 20 און טאָג פון פאָרלעזונג אין פילהאַרמ

פילהאַרמאָניע
20 נאַוטאָוויטשאַ 20

האַנדווערקער=פעראיין
אַנגראַדאָווא 9.
אַכטונג, לוין-וועבער פון וואָלענע טיכער און גאַבעלין!
איהר ווערט אויפגעפאָדערט, אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן טעקסטיל-שטרייק, נישט צוצוטרעטען היינט צו אַרבייט.
היינט 6 אָווענט – אַ וויכטיגע פערזאַמלונג.
די פערוואַלטונג.

Dyrektorowi naszego Stowarzyszenia p. Maksowi Heymanowi
z powodu zgonu MATKI
z
B. P.
Dyny Barchanów Heymanowej
składa wyrazy szczerego współczucia
Zarząd
Stowarzyszenia Kupców m. Łodzi
Piotrkowska 73.

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אונזער ליבע מוטער, גרויס-מוטער און שוויגערמוטער
נ. ע. חנה ראַדאַשיצקאַ
אין עלטער פון 70 יאָהר.
די לויה וועט פאָרקומען היינט, דינסטאָג, דעם 9 טען אָקטאָבער, 12 אַ זייגער בייטאָג פון טויער-הויז וואָלטשאַנסקאַ 61, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער
די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

דאַנקזאַגונג.
דערמיט דאַנק איך העפליך דער פערוואַל-טונג פון בעלבער-צעך ביי דער צענטראַלע פון זאַוואַדזקאַ 5, פאַר דעם אויסגלייך פונ'ם סכסוך וואָס איז פאָרגעקומען דעם 4 אָקטאָבער ד. י. צום גונסטען פון ביידע צדדים.
מיט אַכטונג
צעך-מייסטער יאַקוב באָרנשטיין
צעגעלניאַנאַ 33.

Dr. M.
Rubinlicht
אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
ul. Wschodnia 23,
tel. 68-00
צוריקגעקעהרט.

קוואַליפיצירטע
הערען - שניידער
געזעלען
צו מענער - בעשטעלט ביי
ה. ראַפּאַלאָוויטש
טראַוגוטאַ 10 (קריטקאַ)
אַקרימטשע=
געזעלען
האַנדנייהערס
האַנדנייהערינס
ווערען געזוכט ביי הוזע
זאַוואַדזקאַ 15. 1545

אַ האַרציגען מיטגעפיהל דעם ח' שמואל גאָלדשטיין
צוליב דעם טויט פון זיין
שוועסטער
דריקט אויס
דער קאָלעקטיוו פון „אורט".

דעם טיפסטען ביילייד דריקען מיר אויס אונזער מיטגליד
משה באָרנשטיין צוליב'ן טויט פון זיין פאָטער
יעקב נ. ע.
המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
חברה „כתר ישראל"
בלודז.

